בעזהשי"ת

קינדערגארטן

דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר

- קרית יואל יע"א -

נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

פ' דברים

תשע"א










## ✪ ברוכים הבאים פאר די נייע קינדער

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א ברוכים הבאים בשם ד' פאר אלע נייע קינדערלעך וואס זענען אריין געקומען דעם חודש מנחם אב. מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן אין אייער נייע צווייטער היים וואו איר וועט זיך בעזהשי"ת גוט געפונען אונטער דעם אויפזיכט פון אייערע געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים, און איר וועט שטייגן מיט מדות טובות און יראת שמים ווי עס איז דער וואונטש פון אייערע חשובע עלטערן שיחיו.

## ✪ מיר עפענען א נייע חדר

גלייכצייטיג ווילן מיר אויך וואונטשן פאר אלע קינדערלעך - וואס זענען שוין געווארן גרויס, און זענען ארויס געגאנגען דעם חודש פון די "פרי נורסערי", אריין אין "נורסערי" אונטער דעם אויפזיכט פון דעם מלמד מו"ה **יעקב יואל כוואן** שליט"א - אסאך הצלחה און סיעתא דשמיא, די קינדער וועלן זיכער געניסן פון זיין איבערגעגעבנקייט און צוגעלאזנקייט.

## ✪ די ניין טעג אין קינדערגארטן

די וואך מאנטאג ראש חודש אב האט זיך אנגעהויבן די ניין טעג.

אין קינדערגארטן שפירן מיר די טרויער פון די ניין טעג.

- די ראש חודש טשילא"ר האט מען דעם ראש חודש נישט אנגעצונדן...
- א "ראש חודש גוטע זאך" האט מען נישט אויסגעטיילט ווייל מ'דארף זיין טרויעריג.... (דער רבי האט אנגעהויבן צו דערציילן אז ס'גייט זיין ראש חודש אב און עס הויבט זיך אן די ניין טעג. רופט זיך אן משה דוד (א) גלויבער "רבי, איך ווייס אז מ'גייט נישט געבן א גוטע זאך ווייל ס'איז די ניין טעג, איך געדענק נאך פון לעצטע יאר...)
- אויך אונזער "חיות פארעם" וואס מיר האבן אזוי שטארק ליב צו גיין באזוכן איז דורכאויס די ניין טעג געווען פארשפארט...

## ✪ די רעזולטאט פון צוויי באזונדערע מעשיות

(פאר די גרעסערע קינדער) לעצטע וואך האבן מיר געלערנט די הערליכע מעשה מיט די צוויי ברודער, אבער די וואך מיטוואך האבן מיר דאס געזעהן מיט די אויגן.

מיר זעהן צוויי ברודער **הערשי פעקעטע** נ"י און **אלימלך מארקאוויטש** נ"י ארבעטן אין א פעלד, זיי אקערן און גראבן (למשל) און ווען עס וואקסט, טראגט יעדער צו זיך אהיים א בונטל פון דעם פעלד.

זייער שטיל זענען מיר אלע געווען ווען אינמיטן די נאכט וועקט זיך אויף איין ברודער און טראגט אריבער צו זיין אנדערע ברודער די בונטעלע. און צופרי זענען ביידע גאר שטארק פארוואנדערט וויאזוי עס קען זיין?

מיט א איינגעהאלטענעם אטעם קוקן מיר זיך צו ווי די דריטע נאכט ווען ביידע ברודער גייען ארויס פון בעט צו טראגן א בונטל פאר זייער ברודער, און זיי טרעפן זיך צוזאמען און פרייען זיך איינער מיטן אנדערן... מיר לערנען זיך וואס דאס מיינט ליב האבן א ברודער און טראכטן איינער פונעם אנדערן.

די צווייטע מעשה וואס מיר זעהן ענדיגט זיך נישט אזוי געשמאק, און דאס איז די מעשה וואס מיר לערנען די וואך פון קמצא בר קמצא.

מיר זעהן ווי א רייכע מענטש **בנימין זאב יונגרייז** נ"י גרייט צו א מעכטיגע שיינע סעודה. צו די סעודה זענען געקומען אלע זיינע גוטע חברים ווי **יצחק וואלוועלע ווייס** נ"י, **אלימלך יודא לאקס** נ"י, **דוד ניימאן** נ"י **יושע ראלניצקי** נ"י **שלמה מאשקאוויטש** נ"י. דער שמש **שמעון עסטרייכער** נ"י טיילט אויס די עסן און מאכט זיכער אז יעדער זאל זיין צופרידן. דערנאך האט דער רייכער מענטש געהייסן זיין שמש זיין באדונער זאל גיין רופן זיין חבר "קמצא" צו די סעודה, אבער דער באדינער האט געמאכט א טעות און ער האט אנשטאט "קמצא" גערופן "בר קמצא", - **טובי' לאנדא** נ"י. ווען דער רייכער מענטש האט זיך ארום געדרייט ביי די סעודה צו באגריסן זיינע געסט, האט ער באמערקט זיצן דארט "בר קמצא", האט ער זיך זייער אויפגערעגט און געזאגט "גיי ארויס פון מיין סעודה". בר קמצא בעט

זיך מ'זאל אים נישט פארשעמען אבער מ'האט אים ארויס געווארפן פון די סעודה. מיר ווייסן זייער גוט וואס האט נאכדעם פאסירט. דאס האט נעבעך צוגעברענגט אז דער הייליגער בית המקדש זאל ווערן פארברענט. אין די טעג נעמען מיר זיך טאקע פאר ליב צו האבן א צווייטן איד און זוכן צו טוהן נאר גוטס מיט יענעם און חלילה נישט פארקערט. זאל דער הייליגער באשעפער העלפן מיר זאלן זוכה זיין צום בנין בית השלישי בקרוב בימינו.

## ✪ קינדערגארטן מצוה קאמפיין

(פאר די גרעסערע קינדער) אין די טעג ווען מיר קלאגן אויפן חורבן בית המקדש לערנט מען אונז אויס אז מיט יעדע מצוה וואס מ'טוט לייגט מען צו א ציגל צום בית המקדש און ווען דער בית המקדש וועט פערטיג ווערן וועט דאס אראפ קומען פון הימל.

מיר שיקן אהיים די וואך א "**מצוה צעטל**", ביטע אויספילן די צעטל מיט א מצוה וואס אייער אינגל האט געטוהן אינדערהיים (בעסער א זאך וואס איז אים שווער) ווען ער וועט דאס צוריק ברענגן וועט ער קענען שטאלצירן מיט זיין שיינע מצוה ווען מ'וועט דאס אויפהענגען אויף אונזער גרויסע בית המקדש מצוה וואנט...

## ✪ זיכערהייט רעגולאציע אריין אין קראפט.

## הנהלת הקינדערגארטן שטארק ערמוטיגט פון עלטערן'ס קאאפעראציע

די וואך איז אריין אין קראפט די נייע זיכערהייט רעגולאציע בנוגע דאס אפווארטן די קינדער ביים באס, און ווי עס שיינט האבן דאס די חשובע עלטערן אויפגענומען מיט גרויס פארשטענדעניש טראץ די אומבאקוועמליכקייט דערפון, אבער איינזעהנדיג דעם פאקט אז די שטאט קרית יואל איז זיך קיעה"ר ציוואקסן, און אזוי ווי דער געטרייער באס מענידשע"ר מו"ה שמוא' ראטענבערג הי"ו האט זיך אויסגעדריקט ביי די מיטינג מיט די באס מלמדים די וואך, אז "**קרית יואל איז מער נישט קיין קאנטרי**", עס איז א גרויסע "שטאט" און אלע סארט עלעמענטן דרייען זיך דא ארום. ער האט דערציילט א שאקירענדע פאקט וואס איז נישט אזוי באקאנט ווייל עס האט זיך ב"ה "גאנץ גוט" אויסגעלאזט... א מעקסיקאנער טעקסי דרייווער האט מיט א שטיק צייט צוריק אריין געכאפט א קינד אין די קאר און אפגעטראגן מיט אים. צו מזל האט ער זיך נאך ווער ווייסט ווי לאנג נאכדעם דערשראקן און ארויס געווארפן דאס קינד פון זיין קאר.... דערפאר טוען עלטערן פארשטיין אז מיר לעבן היינט אין א שווערע וועלט און מיר מוזן נעמען די מאקסימום מאס זיכערהייט פאר אונזערע קינדער.

איינעוועגס - מערקט אויף א חשובער מלמד - איז זייער געשמאק צו זעהן די שמייכל אויף די קינדער ווען זיי זעהן ווי די מאמע ווארט זיי אפ...

אז מ'רעדט שוין איז כדאי נאכאמאל צו דערמאנען די עלטערן אז ווען מ'מאכט א טשעינד"ש איז גאר וויכטיג אנצוזאגן דארטן ווי דאס קינד וועט גיין, אז אן ערוואקסענער זאל אים אפווארטן, ווייל אנדערש וועט מען אים נישט ארפשטעלן פון באס.

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט

א הערצליכן מזל טוב

פאר המלמדים החשובים

מו"ה **אלי' ראטה** שליט"א

צו דעם געבורט פון אן אייניקל נ"י

מו"ה **שלו' בערקאוויטש** שליט"א

צו דעם געבורט פון אן אייניקל נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן

פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך פיהל נחת דקדושה געזונטערהייט עמו"ש

## ✪ מעסעדש פון די וואך

חשובע עלטערן שיחיו.

די מעסעדשעס פון אפיס ווערן כסדר אויסגעהערט און מיר פראבירן צוריק צו רופן די שנעלסטע וואס מעגליך. זעלבפארשטענדליך אז סאיז פארהאן צייטן וואס מ'איז פארנומען און עס נעמט ביז אינמיטן טאג ביז מ'הערט די מעסעדשעס. דערפאר צב"ש. ווען איר שיקט א קינד מיט א טעקסי און איר לאזט א מעסעדש מ'זאל צוריק רופן אויב דאס קינד איז אנגעקומען אין חדר. מעגליך אז מ'וועט הערן דעם מעסעדש ערשט שפעט נאכמיטאג און דערווייל וועט איר נישט ווייסן וואס גייט פאר מיט אייער קינד. דעריבער איז ראטזאם צו מאכן זיכער אז דער וואס טראגט אייער אינגל אין חדר זאל זיין אן אחריות'דיגער מענטש וואס וועט איבערגעבן דאס קינד פאר זיין מלמד אדער כאטש פאר א צווייטן מלמד וואס וועט אים צופירן ביז צו זיין חדר, אדער רופט צו דעם מלמד אויפן פאבליק פאון.

חשובע עלטערן שיחיו

מיר בעטן אייך

**נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי"ן פאר אייער אינגעלע**

**איעדן איינציגן טאג**

ביטע נעמט אין אכט אז עס גייען אהיים היינט צו טאג פון קינדערגארטן קנאפע

**אכט הונדערט קינדערלעך קיע"ה**

נ.ב. אויב האט אייער קינד פארלוירן זיין פי"ן, ביטע שיקן דריי דוללער, וועט ער באקומען א נייע פי"ן.